בס"ד

חיי שרה תשפ"ו

גליון 259

# דעם רבינ'ס ליכט

אַייערע קינְדער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אין די וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנְט מֶען ווִי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. אַבְרָהָם אָבִינוּ בֶּעט פוּן זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל גֵיין זוּכְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק. גְלַייך וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אֲרַם נַהֲרַיִם, דֶערְצֵיילְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת "וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם", אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער דֶער הַאר פוּן מַיין הַאר אַבְרָהָם, שִׁיק מִיר דִי רִיכְטִיגֶע אוּן פַּאסִיגֶע כַּלָּה פַאר יִצְחָק. דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן רִבְקָה הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ דַאנְק פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן "וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר לֹא עָזַב חַסְדּוֹ.

אַמָאל אִיז אַ קְלֵיין אִינְגְל גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְּרֶעגְט ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֲיִתָּכֵן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מַיינֶע טֶעג מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן, בִּין אִיךְ וֶוערְן דֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?" אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי וַואנְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן רל"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְן אֲפִילוּ מִיט קִינְדֶער, אַרַיינְצוּגֶעבְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מְחַנֵּךְ זַיין וויאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַרַיינְצוּלֵייגְן כּוֹחוֹת אִין דַאוֶונֶען.




דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט נָאכְדֶעם "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" יִצְחָק אָבִינוּ אִיז אַרוֹיס אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעם פָּסוּק לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען תְּפִלַּת מִנְחָה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

וָואָרְענֶען אַז "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן מִנְחָה, דַאוָוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, אוּן חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי תְּפִלָּה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" אַז יִצְחָק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף "פַּחַד יִצְחָק" אוֹיף מִדַּת הַגְּבוּרָה, דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי מִדַּת הַדִּין, בְּאֹפֶן פְּרָטִי אָדֶער בִּכְלָלִיּוּת, דַארְף עֶר פַארְמֶערְן אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן "לָשׂוּחַ" דָאס מֵיינְט "הִתְבּוֹדְדוּת" רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ווייל תְּפִלָּה מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַמְתָּקָה, וָואס קֶען מַמְתִּיק זַיין, זִיס מַאכְן אַלֶע דִינִים מִיט גְזֵרוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָּה, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַז דִי גְאוּלָּה וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט וֶוערְן פוּן "יִצְחָק" - וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גְבוּרָה וֶועט וֶוערְן "יִשְׂחָק" וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף הַמְתָּקָה אוּן שִׂמְחָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין "אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ" עֶס וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעפוּלְט אוּנְזֶער מוֹיל מִיט גֶעלֶעכְטֶער.

(מַתָּנָה ה' אוֹת מ') דִי גְמָרָא זָאגְט טַאקֶע אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת (פ"ט ב') אַז דִי לֶעצְטֶע גְאוּלָּה וֶועט זַיין אִין זְכוּת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן דָאס דֶערְלֶעבְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

המשך פון זייט 12

# לֶעבְּן וִוי אַ תָּם

אִיבֶּער יֶעדֶע תְּשׁוּבָה וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ עֶנְטְפֶערְן גוּט"...

סוֹף טָאג, אִיז יַעְנְקִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין חָבֵר שָׁאוּל, אוּן אִים אָנְגֶעטְרָאגְן צוּ קוּמֶען שְׁפִּילְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. שָׁאוּל עֶנְטְפֶערְט אִים מִיט שְׁפָּאט: "דוּ מֵיינְסְט - יַעְנְקִי - אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן?! וָואס קֶען מֶען שׁוֹין טוּן בַּיי דִיר?! אוּן בִּכְלַל, דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין אוֹיף דַיין דַרְגָּא?! אִיךְ הָאבּ דָאךְ פִיל מֶער שֵׂכֶל פוּן דִיר, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם וֶועל אִיךְ גְלַייךְ גֶעוִוינֶען... גוּט, וֵוייסְטוּ וָואס? אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר. סַיְיווּי רוּפְט מִיר קֵיינֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען שְׁפִּילְן בַּיי זֵיי".

בַּיינַאכְט זִיצְט זִיךְ שָׁאוּל אוֹיפְן עֶרְד אִין יַעֲנְקִי'ס שְׁטוּבּ, עֶר הַאלְט דִי קַארְטְלֶעךְ אִין הַאנְט, אוּן צֵיילְנְדִיג דִי נוּמֶערְן רוּפְט עֶר זִיךְ וִוילְד אָן: "יַעֲנְקִי, פַארְוָואס הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע אוֹיסְגֶעדְרָאשֶׁענֶע קַארְטְלֶעךְ? זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זַייעֶר אַלְט! מִיר הָאבְּן דִי נַייעֶ סָארְט, אוּנְזֶערְס אִיז פִיל מֶער אִינְטֶרֶעסַאנְט... אוֹיף דִי וַואפְלֶעס זֶענֶען אַזֶעלְכֶע פְּשׁוּטֶ'ע, בַּיי אוּנְז עֶסְט מֶען גֶעשְׁמַאקֶע זַאכְן מִיט טְשָׁאקָאלַאדֶע"...

אָבֶּער יַעְנְקִי עֶנְטְפֶערְט: "שָׁאוּל, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר. דוּ בִּיסְט קְלוּג אוּן דוּ קֶענְסְט גוּט גֶעוִוינֶען. לָאמִיר דִיר בְּרֶענְגֶען אַ שֶׁענֶערֶע שְׁפִּיל אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן..."



יישר כח פאר די שיינע גליון

איך האב נאר געוואלט זאגן א קליינע הערה. פרשת וירא איז געשטאנען די מעשה פון ר' הערש לייב ליפל ז"ל, שטייט דארט אז די חופה איז פארגעקומען 'פרייטאג צונאכטס', דאס קען נישט זיין ווייל פרייטאג צונאכטס קען מען נישט מאכן קיין חופה, 'פרייטאג פארנאכטס' קען מען מאכן א חופה.

# איין אשה'לע



## נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְטֶע שִׁיךְ

בַּיי דֶעם גֶעלֶעגְנְהַייט ווִיל אִיךְ בַּאדַאנְקֶען דִי מַעֲרֶכֶת פוּן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אוּנְז מְהַנֶּה וָואךְ-נָאךְ-וָואךְ מִיט אִינְהַאלְטְסְרַייכֶע לַיין-מַאטְרִיאַל אוֹיף אִידִיש, וָואס אִיז אַ יְקַר-הַמְּצִיאוּת. אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען מִיר דַארְפְן אַסַאךְ חִזּוּק אִין דֶעם עִנְיָן אִיז זֵייעֶר גֶעוואוּנְטְשְׁן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן וָואס מֶער לַיין מַאטְרִיאַל אִין דֶער אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ.

חֲזַק וֶאֱמַץ.

אַצִינְד ווִיל אִיךְ מִיטְטֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען מִיט מִיר דֶעם עֶרֶב יוֹם טוֹב סֻכּוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַ גֶעווִיסֶע פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיינֶע פִיס אַז אִיךְ דַארְף הָאבְּן סְפֶּעצִיעֶלֶע שׁוּךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן גֶעהֶערִיג אִין גֶעשֶׁעפְט נָאר מֶען דַארְף עֶס בַּאשְׁטֶעלְן פוּן פָּארְאוֹיס.

עֶרֶב סֻכּוֹת הָאט מִיר מַיין טַאטֶע מִיר עֶטְלִיכֶע מָאל דֶערְמַאנְט אַז ס'אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט צוּ בַּאשְׁטֶעלְן דִי שִׁיךְ אוֹיבּ אִיךְ פְּלַאן נָאךְ צוּ הָאבְּן נַייעֶ שִׁיךְ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס זֵייעֶר פַארְשְׁלֶעפְּט אוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ קְרִיכְן צוּם גֶעשֶׁעפְט הָאט מִיר דֶער פַּארְקוֹיפֶער גֶעמָאלְדְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דֶעם טֶערְמִין. פַארְפַאלְן, אוֹיף סֻכּוֹת וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֵיין נַייעֶ שִׁיךְ נִישְׁט הָאבְּן. בַּאשֶׁערְט.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז אִיךְ קֶען נָאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט סַייווִי שִׁיךְ פָּאר מִיר. נִישְׁט מַיין שֵׂכֶל וָואס גֶעדֶענְקְט צוּ בַּאשְׁטֶעלְן שִׁיךְ וֶועט מִיר גֶעבְּן וָואס אִיךְ דַארְף. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן מַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן אָפְּגֶעזֶען וָואס אִיךְ טוּ יָא אָדֶער נִישְׁט דָאס צוּ עֶרְרַייכְן. מִיט דִי גֶעדַאנְקֶען בִּין אִיךְ פַארְזִיכֶערְט גֶעוָוארְן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ נָאךְ גֶעדְרֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט צוּ קֶענֶען בַּאשְׁטֶעלְן שִׁיךְ כָּאטְשׁ אוֹיף נָאךְ יוֹם טוֹב, וַוייל מַיינֶע אַלְטֶע שִׁיךְ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעריסְן אוּן אָפְּגֶעשְׁלִיסְן.

אִינְמִיטְן הֶער אִיךְ ווִי דֶער פַּארְקוֹיפֶער זָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אַז עֶר גֵייט יֶעצְט נֶעמֶען דִי רְשִׁימָה פוּן אַלֶע קוֹנִים וָואס הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט שִׁיךְ אוּן זֵיי אָנְקְלִינְגֶען מֶעלְדְן אַז זֵייעֶר בַּאשְׁטֶעלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען.

כְ'מוּז זִיךְ מוֹדֶה זַיין אַז אִיךְ הָאבּ מְקַנֵּא גֶעוֶוען. אִיךְ דַארְף טַאקֶע תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'יֶעצְט וֶועלְן אַלֶע גְלִיקְלִיכֶע קוֹנִים קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע נַייעֶ גְלַאנְצִיגֶע שִׁיךְ...'

אִינְמִיטְן הֶער אִיךְ ווִי דֶער אַרְבֶּעטֶער רֶעדְט עֶפֶּעס אִין טֶעלֶעפָאן אִיבֶּער אַ טָעוּת. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעהֶערְט אַן אוֹיעֶר אוּן אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַז אֵיינֶעמְ'ס פָּאר-שִׁיךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נִישְׁט פּוּנְקְט וָואס עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעלְט. וֶוען דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טֶעלֶעפָאן הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט פוּן וֶועלְכֶע שִׁיךְ עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעווִיזְן דִי שִׁיךְ וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מָאס.

אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק אוּן וֶוער עֶרְשְׁטוֹינְט צוּ זֶען אַז דָאס אִיז פּוּנְקְט מַיין מָאס וָואס אִיךְ דַארְף. אִיבֶּערִיג צוּ זָאגְן אַז דֶער פַּארְקוֹיפֶער הָאט דָאס מִיר זֵייעֶר גֶערְן פַארְקוֹיפְט.

אוֹיף יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ בַּאנַייט נַייעֶ שׁוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְט...




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי האט דערציילט פאר ר׳ נתן און זיין פריינט ר׳ נפתלי אז ווען ער איז אריינגעקומען אין שול אין ברסלב האט ער זיך אפגעשטעלט ביים אריינגאנג און מוסר געזאגט פארן עולם אויף דעם וואס מען דאווענט נישט ווי מען דארף. "עפעס הער איך נישט קיין קולות פון פאטשן מיט די הענט וואס קומט פון א ברען ביים דאווענען!"*

ווי געשריבן אין פריערדיגע קאפיטל איז רבי נתן אנגעקומען פרייטאג קיין ברסלב צו מיטהאלטן זיין ערשטן שבת און ראש השנה מיטן רבי'ן.

שבת ביינאכט זענען רבי נתן מיט רבי נפתלי איינגעלאדענט געווארן צו עסן מיטן רבי'ן די סעודת שבת.

רבי נתן שרייבט:

עס איז אוממעגליך צו באשרייבן אפילו נאר עטוואס פונעם מורא'דיגן מצב וואס עס האט געהערשט ביים רבי'נס שבת'דיגע טישן; א הייליגקייט און א געוואלדיגע פארכט האט ארומגענומען דעם רבי'ן און אין דער זעלבער צייט האט זיך געשפירט א געוואלדיגע זיסקייט פון זיין אויסערגעווענליכע דביקות. דעם רבי'נס הייליגע אויגן האבן ממש געלויכטן ווי דער זון און די לבנה אינאיינעם און זיין הייליגע פנים האט געפאלקערט און געשיינט מיט א געטליכע קדושה.

איידער דער רבי פלעגט מאכן קידוש האט ער גענומען דעם בעכער אין האנט, אזוי איז ער געשטאנען א לאנגע צייט אין א שטיל שווייגעניש. עס האט זיך געהערט נאר די נאגענדע שטימע פון השתוקקות; דער רבי האט דאן געשוועבט אין די הויכע עולמות.

נאך א לאנגע ווייל, האט דער רבי אנגעהויבן זאגן מיט א מורא'דיגע זיסקייט, "יום הששי".

אויף די זמירות וואס דער רבי פלעגט זינגען, ווי אשת חיל, אזמר בשבחין, כל מקדש, מנוחה ושמחה, מעין עולם הבא און אלע אנדערע (דער רבי פלעגט זינגען אלע זמירות וואס איז געדרוקט אין סידור און ער פלעגט פון אונז אויך פאדערן זיך אזוי צו פירן), איז געווען מיט אן אויסערגעווענליכע נעימות. אויסער דאס אלעס וואס מען האט געזען,

געהערט און פארשטאנען מיטן פשוט'ן מענטשליכן פארשטאנד, האט מען געקענט שפירן אין דעם אטמאספער אז בשעת'ן זינגען איז דער רבי עוסק אין גאר הויכע און באהאלטענע ענינים. דער וואס האט דאס נישט געזען האט קיינמאל קיין גוטס נישט געזען, און דער וואס האט דאס נישט געהערט האט קיינמאל קיין גוטס נישט געהערט. יעדער וואס איז דארט געווען האט געקענט עדות זאגן אז אזוינס וועט מען שוין נישט זען און הערן ביז משיח וועט קומען. וואויל זענען די אויערן וואס האבן דאס געהערט און וואויל איז דער וואס וועט עס הערן אויף יענער וועלט.

*

ווען רבי נתן איז געווען ביים רבי'ן זיין ערשטע שבת, בשעת דער רבי און די חסידים האבן אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון, 'אשת חיל' מיט א געוואלדיגע ברען און חיות, האט רבי נתן געשפירט ווי זיין נשמה ווערט דערהויבן א טפח העכער. זיין נפש האט זיך אזוי דערקוויקט דערמיט ווי א דורשטיגער וואס טרינקט זיך אן מיט זיסע, קאלטע וואסער. ער האט באקומען דעם געפיל אז ער האט ענדליך דערגרייכט דאס וואס ער זוכט שוין אזוי לאנג.

'אט דאס איז מיין ארט!' האט ער געטראכט, 'דא ביים רבי'ן, וועל איך זיכער אנקומען צו א געוואלדיגע תועלת אין עבודת השם און התקרבות צום באשעפער!'

זיינע געדאנקען האבן גענומען פיבערן; פון איין זייט האט ער געוואוסט אז כדי קונה צו זיין שלימות וואלט ער געדארפט בלייבן ביים רבי'ן עטליכע חדשים צום ווייניגסטנס, אבער פון צווייטן זייט, ווי אזוי זאל ער זיך אן עצה געבן מיט די שטארקע התנגדות פון זיין טאטע און געהויבענעם שווער קעגן חסידות בכלל און קעגן חסידים בפרט?

בלויז צו קומען צו דעם איין שבת האט ער געדארפט אויסטראכטן אלע סארטן עצות און תחבולות ווי אזוי צו אנטרינען ווערן אן צו דארפן אפגעבן דין וחשבון פארן ארויספארן. זיין משפחה האט ערווארטעט אז ער זאל זיין אינדערהיים אויף שבת און ראש השנה וואס איז א געהויבענער יום טוב ביי אידן.

וואס טוט מען? רבי נתן האט זיך זייער געראנגלט מיט קווענקלענישן.

אין די זעלבע צייט וואס זיינע מחשבות זענען אזוי געפלויגן אין זיין קאפ, האט ער אויפגעכאפט ווי דער רבי זינגט איבער עטליכע מאל דעם פסוק אין אשת חיל: "כפה פרשה לעני, וידיה שלחה לאביון – איר ארעם שפרייט זי אויס צום ארימאן און איר האנט שטרעקט זי אויס צום נויטבאדערפטיגן."

רבי נתן האט דאן געשפירט ווי דער רבי איז מרמז מיט דעם: 'איך שפרייט אויס מיינע הענט דיר צו שטארקן...'

דער רבי האט אויך איבערגעזינגען עטליכע מאל די ווערטער, "ולחם עצלות לא תאכל – און פוילע ברויט טוט זי נישט עסן." דא האט רבי נתן אויך געשפירט אז דער רבי מיינט ממש אים אליין און ער רעדט צו אים: 'זיי נישט אזוי שוואך און פויל ביי זיך...'

# א סצענע פון יענע וועלט



די מעשה גייט צוריק מיט איבער הונדערט-ניינציג יאר. דער הייליגער רבי נתן האט דאן געוואוינט אין דער שטאט ברסלב ארומגענומען מיט א קליין קבוצה פון בלויז עטליכע צענדליגע תלמידים. עס איז דאן געווען א שווערע תקופה ווען ברסלב׳ע חסידים זענען פארפלאגט געווארן אויף אן אומדערהערטן אופן.

אינטערעסאנט איז אז די מתנגדים האבן נישט געקענט אפירברענגען אפילו איין זאכליכע טענה קעגן זיי; אמאל האט מען זיי באשולדיגט מיט׳ן לערנען און דאווענען ׳צופיל׳, און א צווייטע מאל האט מען זיי אראפגעלייגט אלס אזעלכע וואס זענען גאר עובר אויף תורה ומצוות...

אין איינעם א טאג האט א איד פון שטאט געהערט אז זיין צען יעריגער זון שמשון איז געזען געווארן אריינגיין שבת ביי שלש סעודות נישט מער און נישט ווייניגער ווי אין הויז פונעם ׳סעקטע פירער׳ (ר׳ נתן). דער פאטער איז דערציטערט געווארן און אנגעווארנט זיין זון ער זאל זיך מער נישט דערוואגן נאנטצוטרעטן צו די דאזיגע ׳סעקטע׳.

שמשון׳ס יונגע בענקעדיגע הערצעלע האט אבער נישט געקענט שלאפן רואיג. דעם פאלגנדן שבת נאכמיטאג האט ער - אנשטעלנדיג א פארשלאפענעם פנים - זיך אראפגעלייגט כאפן א דרימל, אבער ווי נאר עס איז שטיל געווארן אין שטוב איז ער אויפגעשטאנען און זיך שטילערהייט ארויסגעשלייכט צו ר׳ נתן׳ס הויז...

ווען דער פאטער האט געזען אז דער זון האט אים אויסגעשפילט, איז ער דעם קומענדיגן שבת פאר מנחה אריינגעגאנגען אין זיין צימער, גענומען זיינע שיך און מאנטל, און זיי באהאלטן. ווען דער זון האט זיך ׳ערוועקט׳ און נישט געפונען זיינע בגדים... ער האט אבער נישט אויפגעגעבן, און עס איז אים איינגעפאלן א פלאן. ער איז אראפגעגאנגען אין קעלער, וואו אינעם פארשטויבטן קאסטן זענען געלעגן פויערישע קליידער. פלינקערהייט האט ער מצליח געווען ׳אריינצוגיין׳ אין א פאר ריזיגע שטיוול. דערנאך האט ער זיך

איינגעהילט אין א מאנטל היבש גרעסער ווי זיין מאס, און אזוי האט ער זיך אין איילעניש ארויסגעלאזט צום הויז פון רבי נתן.

ווי נאר שמשון האט אריינגעטראטן אין שטוב אנגעטון אין פויערישע קליידער, האט אלעמען ארומגענומען א שטוינונג וואס איז באלד פארוואנדלט געווארן אין א גרויס געלעכטער... אבער רבי נתן, - וואס מיט זיינע הייליגע אויגן האט ער באלד פארשטאנען וואס דא טוט זיך, האט נישט געלאכט. ער האט זיך געווענדן צום אינגל מיט א ליבליכן וואונק זאגנדיג: "דאס וועט דיר נאך צוניצקומען!"

פילע יארן זענען פארלאפן. שמשון האט חתונה געהאט און איז געווען א פייערדיגער עובד השם, פארברענגענדיג טאג און נאכט מיט תורה און תפילה לויט'ן הייליגן רבי'נס דרך.

אמאל האט זיך געמאכט אז ר' אברהם בער - דעם הייליגן רבי'נס אייניקל - וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, האט געזוכט א באגלייבטער היטער פאר זיינע וועלדער. נאכ'ן זיך איבערקלערן האט ער נישט געפונען קיין פאסיגערן מענטש דערפאר ווי דעם אויבנדערמאנטן ר' שמשון.

## טייערע קינדער

## וואו טרעפן מיר אין סיפורי מעשיות עטליכע ווערטער וואס רעדט פון פרשת וירא?

1) בַּיי 'לוֹט' שְׁטֵייט [בְּרֵאשִׁית יט, יז]: "הָהָרָה הִמָּלֵט", דָאס אִיז אַ 'בֶּערְגֶער' [הֶהָרָה-בַּארְג-בֶּערְגֶער] – אוּן פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס 'מָשִׁיחַ'! ( מעשה בערגיר ועני)

2) אוּן סְ'אִיז [אוֹיךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער 'יַד', אִיטְלֶעכֶע [יֶעדֶע] זַאךְ: וִויאַזוֹי סְ'אִיז גֶעוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן! אוּן וִויאַזוֹי סְ'אִיז הַיינְט!

אוּן וִויאַזוֹי סְ'וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ! דְהַיְינוּ: 'סְדוֹם'! אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט: (מעשה בעל תפלה)

3) אַזוֹי־וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: "כִּמְתַלְהֵלַהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים וְכוּ', וְאָמַר הֲלֹא מְצַחֵק [מְשַׂחֵק] אָנִי" (כְּלוֹמַר: אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַיילְן אִין הַארְצְן אַרַיין – אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ 'קַאטָאוֶועס' (מלך עניו)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט [גֶעעֶנְדִיגְט] דֶעם 'שׁוּךְ' – אוּן מִן־הַסְּתָּם הָאט דֶער 'שׁוּךְ' גֶעהַאט 'דְרַיי עֶקְן', וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ דִי 'מְלָאכָה' נִישְׁט גֶעקֶענְט אֵיינְגַאנְצְן – פְלֶעגְט עֶר [דַאן] נֶעמֶען דֶעם 'שׁוּךְ' אִין דֶער הַאנְט אַרַיין, אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט! – אוּן עֶר הָאט גְרוֹיס 'תַּעֲנוּג' גֶעהַאט פוּן אִים!

אוּן פְלֶעגְט זָאגְן:

"מַיין וַוייבּ! וָואסֶער אַ [וָואסְפַארַא] 'שֵׁיינְקֵייט', אוּן וָואסֶער אַ 'וואוּילְקֵייט', דָאס 'שִׁיכֶעלֶע' אִיז! וָואסֶער אַ 'זִיסְקֵייט' דָאס 'שִׁיכֶעלֶע' אִיז! וָואסֶער אַ 'הָאנִיגְ'דִיג', וָואסֶער אַ 'צוּקֶערְ'דִיג' 'שִׁיכֶעלֶע' דָאס אִיז"! הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט:

"אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, [דֶעמָאלְט] פַארְוָואס אַנְדֶערֶע 'שׁוּסְטֶערְס' נֶעמֶען 'דְרַיי גִילְדְן' פַאר אַ 'פָּאר שִׁיךְ', אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ 'הַאלְבְּן טָאלֶער' (דְהַיְינוּ: אַ גִילְדְן מִיט אַ הַאלְבְּן)"?!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר?! – דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה! אוּן וִוידֶער! – וָואס הָאבְּן מִיר צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע לַייט!

לָאמִיר נָאר אָנְהֵייבְּן בַּארֶעכֶענֶען, וִויפִיל אִיךְ גֶעוִוין [פַארְדִין] דָא אִין דֶעם 'שִׁיכְל' מִיַד־לְיַד! – דִי 'לֶעדֶער' קָאסְט מִיךְ אַזוֹיפִיל, 'זִיוִויצֶע' [פֶּעךְ אָנְצוּשְׁמִירְן] אוּן 'דְרַאטְוֶועס' [פָאדֶעם] קָאסְט אַזוֹיפִיל, 'לַאפְּקֶעס' [אָנְצוּפִילְן דִי לֶעדֶער] אַזוֹיפִיל – אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַזוֹיפִיל – הַיינְט גֶעוִוין [פַארְדִין] אִיךְ מִיַד־לְיַד 'צֶען גְרָאשְׁן'! – נָא וָואס אַרְט עֶס מִיךְ אַזוֹי אַ רֶוַוח [פַארְדִינְסְט] מִיַד־לְיַד"! אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאר 'פְרֵיילֶעךְ' אוּן 'לוּסְטִיג' תָּמִיד!

אוּן בַּיי דֶער וֶועלְט, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁפֶּעט! – אוּן זֵיי הָאבְּן דָא גֶעקְרִיגְן וָואס זֵיי וִוילְן, וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָא גֶעהַאט אוֹיס [פוּן] וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטְן אַזוֹי־וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט – וָוארְן עֶר הָאט אַ פָּנִים גֶעהַאט בַּיי זֵיי, וִוי אַ 'מְשׁוּגֶע'נֶער'!

פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, אוּן הָאבְּן אִין מִיסְטְנֶע [בְּכַוָּונָה] אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ שְׁפֶּעטְן! אוּן דֶער 'תָּם' פְלֶעגְט זֵיי צוּ זָאגְן: "נָאר אָן לֵיצָנוּת"!

אוּן תֵּיכֶף וִוי מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָן לֵיצָנוּת"! – הָאט עֶר זֵיי צוּגֶעהֶערְט, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּעֶסְן! וָוארְן וַוייטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן 'חָכְמוֹת' – [ווייל] טָאמֶער אִיז דָאס אַלֵיין 'לֵיצָנוּת' – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'תָּם'!

אוּן אַז עֶר הָאט פָּארְט גֶעזֶעהְן אַז זֵיי מֵיינֶען 'לֵיצָנוּת', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין קְלוּגֶער זַיין פוּן מִיר [אַז קֶענְן מִיר בִּיזְטוּ קְלוּגֶער] – וֶועסְטוּ זִיךְ הֶערְשְׁט זַיין אַ 'נַעַר' – וָוארְן וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן [וָואס בִּין אִיךְ וֶוערְד] – אוּן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן מִיר קְלוּגֶער זַיין, וֶועסְטוּ זִיךְ הֶערְשְׁט זַיין אַ 'נַעַר'"!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם 'תָּם'! הַיינְט וֶועלְן מִיר וִוידֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם 'חָכָם'!)

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ: "אַז דֶער 'חָכָם' פָּארְט [אַהֶער], אוּן עֶר קוּמְט אָן מִיט גְרוֹיס 'גְדוּלָּה', אוּן מִיט גְרוֹיס 'חָכְמָה'"!

אִיז דֶער 'תָּם' אוֹיף גֶעלָאפְן אִים אַקֶעגְן מִיט גְרוֹיס 'שִׂמְחָה' – און הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'וַייבּ': "גִיבּ מִיר גִיךְ דִי 'יוּפָּא'! לָאם־אִיךְ גֵיין אַקֶעגְן מַיין לִיבְּן חָבֵר, לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] אִים זֶעהְן"!

הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּעלְץ'! – אִיז עֶר אִים אַקֶעגְן גֶעלָאפְן! און דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעפָארְן אִין אַ 'קַארֶעטֶע' [פַארְמַאכְטֶע וָואגְן], מִיט גְרוֹיסְקֵייט!

אִיז אִים גֶעקוּמֶען אַקֶעגְן דֶער 'תָּם', און הָאט אִים גֶעגֶעבְּן: "שָׁלוֹם" – מִיט 'שִׂמְחָה', מִיט 'גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט'! – און הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער! וָואס טוּסְטוּ?! גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], און אִיךְ בִּין זוֹכֶה דִיךְ צוּ זֶעהְן"!

און דֶער 'חָכָם' קוּקְט אִים אָן! – בַּיי אִים אִיז זִיךְ [דָאךְ] דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיף גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט (אַזוֹי־וִוי אוֹיבְן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען: אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאבְּן בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֶעטְרָאפְן, וָוארְן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ קְלוּגֶער גֶעוֶוען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט) – מִכָּל־שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַ פָּנִים וִוי 'מְשׁוּגָע' – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דִי [גְרוֹיסֶע] אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ זַייעֶר לִיבּ גֶעהַאט – הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען!

און עֶר אִיז מִיט אִים גֶעפָארְן אִין שְׁטָאט אַרַיין! און דִי צְוֵויי 'בַּעֲלֵי־בָתִּים', דִי פֶּעטֶער [טַאטֶעס] פוּן דִי 'צְוֵויי קִינְדֶער' (דְהַיְינוּ: פוּן דֶעם 'חָכָם', און פוּן דֶעם 'תָּם') – זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן, אִין דֶער צַייט וָואס דֶער 'חָכָם' אִיז אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] אִין 'מְדִינוֹת' – און הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַייעֶרֶע 'הַייזֶער'! דֶער 'תָּם' אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זַיין אָרְט [פְּלַאץ] – אִיז עֶר אַרַיין אִין זַיין פָּאטֶערְס 'הוֹיז', און הָאט עֶס גֶעיַרְשְׁ'ט!

דֶער 'חָכָם' אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אִין 'פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת' – הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעהַאט אָפְּצוּנֶעמֶען דָאס 'הוֹיז' – אִיז דָאס 'הוֹיז' פוּן דֶעם 'חָכָם', כָּלָה וְאָבַד [חָרוּב] גֶעוָוארְן, און ס'אִיז דֶערְפוּן גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן!

הָאט דֶער 'חָכָם' נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁטוּבּ עֶר זָאל אַרַיין, בְּשַׁעַת אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען! אִיז עֶר פַארְפָארְן אִין אַ 'אַרְבֶּעְרִיג' [גַאסְט־הוֹיז; אַכְסַנְיָא] אַרַיין! – הָאט עֶר דָארְט גֶעהַאט 'יִסוּרִים'! – וָוארְן ס'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'אַרְבֶּעְרִיג' וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

און דֶער 'תָּם', הָאט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט גֶעפוּנֶען אַ נַייעֶ טוּעֶכְץ – און פְלֶעגְט לוֹיפְן אַלֶעמָאל צוּם 'חָכָם', מִיט 'לִיבְּשַׁאפְט', און מִיט 'שִׂמְחָה'!

און עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דֶער 'חָכָם' הָאט 'יִסוּרִים' פוּן דֶער 'אַרְבֶּעְרִיג'" [גַאסְט־הוֹיז; אַכְסַנְיָא]!

הָאט דֶער 'תָּם' גֶעזָאגְט צוּם 'חָכָם': "בְּרוּדֶער! גֵיי צוּ מִיר אַרַיין, אִין מַיין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין, וֶועסְטוּ בַּיי מִיר שְׁטֵיין [אַיינְשְׁטֵיין]! און אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּם אוֹיפְנֶעמֶען אִין אֵיין 'זְמֶענֶע' [הוֹיפְן], גָאר וָואס אִיךְ הָאבּ! – און גָאר מַיין 'שְׁטוּבּ' וֶועסְטוּ הָאבְּן"!

אִיז דָאס גֶעפֶעלְן דֶעם 'חָכָם'! – אִיז דֶער 'חָכָם' צוּ אִים אַרַיין, און עֶר אִיז בַּיי אִים גֶעשְׁטַאנֶען.

און דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד וָוארְן עֶר הָאט גֶעלָאזְט אַ 'שֵׁם': "אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם', און אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל־מְלָאכָה', און אַ גְרוֹיסֶער 'דָאקְטֶער' זַייעֶר"!

[און עֶס] אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'שְׂרָרָה' [שַׂר], און הָאט גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אִים מַאכְן אַ 'גִילְדְן־פִינְגֶערְל' [גָאלְדֶענֶע רִינְגְל]"!

הָאט עֶר אִים גֶעמַאכְט זַייעֶר אַ 'וואוֹיל [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] פִּינְגֶערְל'! – און הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט 'גֶעמֶעלְן' [מָאלֶערַייעֶן], מִיט זַייעֶר 'וואוֹילֶע גֶענְג' [וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן]! – און הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַ 'בּוֹים', וָואס סֶע

[סְ'אִיז] גֶעוֶוען גָאר אַ חִידוּשׁ! אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'שְׂרָרָה' [שַׂר], אוּן סְ'אִיז אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְן דָאס 'פִינְגֶערְל' [רִינְגְל]!

הָאט עֶר גֶעהַאט [דֶערְפוּן] 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים'! – וָוארְן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט: "אַז [אוֹיבּ] דָאס 'פִינְגֶערְל' מִיט דֶעם 'בֵּיימְל' [בּוֹים], זָאל גֶעוֶוען זַיין אִין 'שְׁפַּאנְיָא' – וָואלְט עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען, סְ'וָואלְט דָארְט גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ! – אוּן דָא גֶעפֶעלְט עֶס גָארְנִישְׁט"!

אוּן אַזוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ 'גְרוֹיסֶער שְׂרָרָה' [שַׂר]! – אוּן הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַ טֵייעֶרְן 'דוּמִיט' [דִימַאנְט], וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער! – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט נָאךְ אַ 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] מִיט אַ 'גֶעמֶעל' [מָאלֶעריי]! – אוּן הָאט אִים גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אוֹיסְקְרִיצְן אַזוֹי־וִוי דָאס 'גֶעמֶעל' [מָאלֶעריי] אִיז, אַזוֹי זָאל עֶר [דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ] אוֹיסְקְרִיצְן, אוֹיף דֶעם 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט" (וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער)!

הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְרִיצְט פוּנְקְט אַזוֹי־וִוי דָאס 'גֶעמֶעל' [מָאלֶעריי]! – נָאר עֶר הָאט גֶעפֶעלְט אֵיין זַאךְ, וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז דֶערוֹיף קַיין מֵבִין נִישְׁט גֶעוֶוען, נָאר עֶר אַלֵיין!

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'שְׂרָרָה' [שַׂר], אוּן הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דֶעם 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] – אוּן עֶר אִיז אִים וואוֹיל־גֶעפֶעלְן!

אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט גֶעהַאט 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים', פוּן דֶעם פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעפֶעלְט [פַארְפֶעלְט בְּטָעוּת] – עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אַזוֹי קְלוּג וִוי אִיךְ בִּין, הַיינְט זָאל זִיךְ מִיר טְרֶעפְן אַ פֶעלֶער"?!

אוּן אַזוֹי אִין 'דָאקְטֶערַיי', הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט 'יִסוּרִים'!

אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'חוֹלֶה' – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְן 'רְפוּאוֹת', וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט קְלָאר: אַז [אוֹיבּ] דֶעם 'חוֹלֶה' וֶועט גֵיין אוֹיף לֶעבְן – אִיז עֶר מְחוּיָב בְּוַודְאַי גֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן פוּן דִי 'רְפוּאוֹת' – וָוארְן סְ'אִיז זֵייעֶר וואוֹילֶע 'רְפוּאוֹת'.

דֶערְנָאךְ אִיז אָבֶּער דֶער 'חוֹלֶה' גֶעשְׁטָארְבְן!

הָאט דֶער 'עוֹלָם' גֶעזָאגְט: "אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְן דוּרְךְ אִים"! – הָאט עֶר 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' דֶערְפוּן גֶעהַאט!

אוּן אַזוֹי אַמָאל הָאט עֶר גֶעגֶעבְן 'רְפוּאוֹת' [פַאר] אַ 'חוֹלֶה' – אוּן דֶער 'חוֹלֶה' אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן! – אוּן דֶער 'עוֹלָם' הָאט גֶעזָאגְט: "סְ'אִיז אַ מִקְרֶה" (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז [סְתַּם] אַזוֹי גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, נִישְׁט פוּן אִים)! הָאט עֶר דֶערְפוּן אוֹיךְ, 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' גֶעהַאט! אוּן עֶר אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ 'מַלְבּוּשׁ' – הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם 'שְׁנַיידֶער' – אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט – בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט: "אַז עֶר זָאל מַאכְן דָאס 'מַלְבּוּשׁ' מִיט דֶער 'מָאדֶע' אַזוֹי־וִוי עֶר וִויל, אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט"!

הָאט דֶער 'שְׁנַיידֶער' צוּגֶעטְרָאפְן, אוּן הָאט אִים גֶעמַאכְט דָאס 'מַלְבּוּשׁ', אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט! – נָאר אֵיין 'לֶעפְל' [זוֹים; עֶק פוּנֶעם מַלְבּוּשׁ], הָאט דֶער 'שְׁנַיידֶער' גֶעפֶעלְט אוּן הָאט עֶס נִישְׁט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן! הָאט עֶר דֶערְפוּן 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' גֶעהַאט! – וָוארְן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט: "כָאטְשֶׁע דָא [אִיז דָאס שֵׁיין, וַוייל עֶס] אִיז דֶערוֹיף קֵיינֶער קַיין מֵבִין נִישְׁט – אִיךְ זָאל אָבֶּער זַיין [אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען] אִין 'שְׁפַּאנְיָא' מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'לֶעפְל', וָואלְט מֶען אוֹיס מִיר גֶעלַאכְט [מִיר אוֹיסְגֶעלַאכְט], אוּן אִיךְ וָואלְט אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי חוֹזֶק"!

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די נייַנטע מעשה - דער חכם און דער תם (3)

**א. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב אויף זיין שוך מיט דריי עקן?**

- ❑ וואספארא שיינקייט און וואוילקייט איז דאס שוך.
- ❑ וואספארא זיסקייט איז דאס שוך.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווען זיין ווייב האט אים געפרעגט: "דו נעמסט נאר א גולדן מיט א האלבן", וואס ענטפערט דער תם?**

- ❑ דאס איז יענעמס מעשה, און דאס איז מיין מעשה.
- ❑ וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וואס האט אים זיין ווייב געגעבן אנצוטון ווען ער איז געגאנגען צום חכם?**

- ❑ די פעלץ.
- ❑ די טוליפ.
- ❑ די יופא.

**ד. וואס איז געווארן מיט די הויז פונעם טאטן פונעם חכם?**

- ❑ עס איז זייער שיין איבערגעבויעט געווארן.
- ❑ עס איז אינגאנצן חרוב געווארן.
- ❑ עס איז געווארן א הערליכע שיינע אכסניא.

**ה. האט דער חכם הנאה געהאט פון דעם פלאץ וואו ער איז איינגעשטאנען ?**

- ❑ זייער הנאה געהאט.
- ❑ ס'איז נישט געווען באקוועם פאר אים.
- ❑ ער האט געהאט דארטן יסורים.

**ו. וואו איז דעם חכם געגאנגען וואוינען נאך דעם?**

- ❑ אין די שטוב פונעם תם.
- ❑ אין א הערליכע שיינע אכסניא.
- ❑ געבליבן די גאנצע צייט אין די אכסניא.

**ז. איז געפעלן פארן שררה (שר), דאס פינגערל וואס דער חכם האט געמאכט?**

- ❑ עס איז אים זייער געפעלן.
- ❑ יא, נאר איין זאך איז אים נישט געפעלן.
- ❑ עס איז אים גאר נישט געפעלן.

**ח. וואספארא יסורים האט דער חכם געהאט פונעם אויסגעקריצטן דומיט (דימאנט)?**

- ❑ פון א קלאפ וואס ער האט געכאפט פונעם דומיט.
- ❑ פון א פעלער וואס ער האט געמאכט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ט. וואס האט דער עולם געזאגט ווען א קראנקער איז געזונט געווארן פון די רפואות פונעם חכם?**

- ❑ געלויבט דעם חכם אז אין זיין זכות איז ער געהיילט געווארן.
- ❑ ס'איז א מקרה (סתם אזוי).
- ❑ ווען נישט די רפואות, וואלט ער שנעלער געהיילט געווארן.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

**אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד**



## טיפער געטראכט

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה אז דער חכם האט געהאט יסורים?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (2)

**דער תם:** האט דִי מְלָאכָה ניט גִיקֶענְט האט נישט גִיהַאט צַייט אַפִּילוּ צוּ עֶסִין, האט ניט גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה אִין גַאנְצִין

**דער תם:** איז געווען נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד, האט געהאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים, איז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד.

**דער געווינער אויף 'דער חכם מיטן תם' 2**
**איז הילד החשוב בנימין זאב שפירא, בית שמש, טעלעפאן 3540*****

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# עֶס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה

אַצִינְד לָאמִיר וַוייטֶער נָאכְגֵיין יַעְנְקִי דֶער תָּמִים אוּן שָׁאוּל דֶער חָכָם, אוּן מִיר וֶועלְן בַּאטְרַאכְטְן זֵייעֶרֶע לֶעבְּנְס גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן אִין חֶדֶר אוּן אִין שְׁטוּבּ.

אוֹיפְגֶערֶעגְטֶערְהֵייט זִיצְט זִיךְ שָׁאוּל אוּן בַּייסְט זִיךְ דִי נֶעגְל אוּמְרוּאִיג. עֶר אִיז זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט מִיט זִיךְ. עֶר פְלֶעגְט זַיין דֶער גֶעלוֹינְגֶענֶער פוּן כִּתָּה, אוּן בַּיי יֶעדֶע בְּחִינָה הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ +++100 - דִי הֶעכְסְטֶע צֵייכֶענוּנְג וָואס הָאט עֶקְזִיסְטִירְט אוֹיף דִי רְשִׁימָה פוּן דֶער בּוֹחֵן. אוּן יֶעצְט - גֶעוַואלְד! אֵיין מָאל הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען נָאר אוֹיף +100, אוּן אוֹיף חוּמָשׁ רַשִׁ"י הָאט עֶר בְּלוֹיז בַּאקוּמֶען אַ 98. עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן אַנְטוֹישְׁט.




נֶעבְּן שָׁאוּל זִיצְן זִיךְ זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע 80-85 וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע תְּשׁוּבוֹת. אוּן אִיבֶּער אַלֶעמֶען קוּקְן זֵיי אוֹיף יַעְנְקִי וָואס אִיז צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילֶעךְ אוֹיךְ מִיט זַיינֶע נִידְרִיגֶע צֵייכֶענֶעס.

שָׁאוּל ווִיל זִיךְ רֶעגְן אוּן שְׁרַייעֶן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אָבֶּער עֶר טוּט עֶס שְׁטִיל: "וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קֵיין +++100? דָאס אִיז עֶס, אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט אַזַא מְצְלָח וִוי אַמָאל... אוֹיש.. אַ שָׁאד, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?"

וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דִי שִׂמְחָה פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים, הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען: אִיךְ מֶעג זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ יָא גֶעקֶענְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְמַאכְן. נָאךְ אַלֶעמֶען, הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע חֹמֶר גֶעקֶענְט מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה"... אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ "גֶעשְׁטַארְקְט" מִיט זַיין גְרוֹיס 'חָכְמָה' אוּן בַּאשְׁלָאסְן: "דָאס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע אַלֶע שְׁאֵלוֹת, אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד. עֶס אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט".

דִי גֶעלֶעכְטֶער פוּן דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהֶערְט בִּיז וַוייט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי שִׂמְחָה פוּן יַעְנְקִי. "צוּ בַּאקוּמֶען אַ 65% אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין הַצְלָחָה! דָאס מֵיינְט אַז דוּ קֶענְסְט בִּכְלַל נִישְׁט דִי סוּגְיָא!" הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁפֶּעט. "אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, בִּיטֶע, לַאכְטְס מִיר נִישְׁט אוֹיס. וָואס מַאכְט עֶנְק אוֹיס צִי אִיךְ הָאבּ אַ 65 אָדֶער אַ 80 אָדֶער 95? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז אַייעֶר מַעֲשֶׂה...

אוּן בִּכְלַל, פַארְוָואס דַארְפְט אִיר רֶעדְן פוּן מִיר? אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיךְ דַארְף טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **יוסף ישעי' פרידמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **יואל ראזנוי** הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב